STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04946

DER GASEN-HENDLER

Anatole France

Permanent preservation of this book was made possible
by Ann Bardacke
in memory of
Abraham Schonberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַנאַטאָל פֿראַנס.

דֶער

גאסען־הענדלער

ערצעהלונג

איבערזעצט פון גיטעל קאצנעלסאָהן.

פערלאג „פּראגרעס" ווארשא נאלעווקי 36

תרס"ו—1906

№ 42 פרייז 10 קאפּ'

ДЕРЪ ГАСЕНГЕНДЛЕРЪ т. е. Уличный торговецъ
КРЕНКБИЛЬ.
Разсказъ Анатоля Франса. Переводъ Г. КАЦНЕЛЬСОНЪ

Дозволено цензурою Варшава, 24 Января 1906 г.

Тип. И. Эдельштейна Варшава, Налевки 38.

I.

דער גאסען־הענדלער.

זשעראם קרענקביל, א גאסען־טרעגער, האט ערשט דעמאלס פערשטאנען די גאנצע קדושה פון דעם געזעטץ, ווען ער איז געשטאנען פאר דעם געריכט, אלס בעשולדיגטער פאר בעליידיגען דעם פאליציימאן, וועלכער איז געשטאנען און געהיט די געזעלשאפט פון געפאהר. ווען קרענקביל האט פערנומען זיין פלאץ אויף דער באנק פון פערברעכער אין א דונקעלן פראכטפאלען זאל, האט ער דערזעהן די ריכטער, סעקרעטארען, אדוואקאטען, וועלכע זענען געווען אנגעטהון אין מאנטיעס, דעם סודעבנעם פריסטאוו מיט א קייט, זשאנדארמען און אין צווייטען האלב אבגעצימטען צימער — הוילע קעפ פון דעם שווייגענדעם פובליקום. ער האט דערזעהן זיך זעלבסט זיטצען אויף א הויכען ארט, פונקט ווי דער בעשולדיגטער, ערשיינענדיג פאר דעם געריכט, וואלט אליין בעקומען עפעס א טרויעריגען כבוד. טיעף אין זאל צווישען צוויי מיטגלידער פון געריכט, איז געזעסען ה. בורריש, דער פארזיצענדער. אויף זיין ברוסט האט געשיינט אנ׳ארדען פון אן אקאדעמישען אפיצער. אין דער הויך, וואו דער „געריכט״ איז געזעסען, האט זיך געזעהן דער ביוסט פון דער רעפובליק און דאס היילינע בילד, און עס האט

זיך געדובט, אַז אויף קרענקבילס קאָפּ זענען גרייט אַראָבצופאַלען אַלע געטליכע און מענשליכע געזעטצען. עס האָט איהם אַרומגענומען אַ מאָדנע שרעק. ער האָט ניט געהאַט קיין פילאָזאָפישען מוח און דערפאַר האָט ער ניט געקענט זיך געבען די פראַגע: וואָס בעדייטען אָט דיעזער ביוסט און דיעזע היילינע בילדער, און האָט ניט געזוכט קיין ענטפער.

קרענקביל האָט ניט געקענט קלערען איבער וועלכע עס איז היסטאָרישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגען. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס מיט איהם טהוט זיך. די גאַנצע אומגעבונג, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, האָט איהם געהאָלפען צו פערשטעהן די ערהאַבענע אידעע פון משפט. דורכגעדרונגען מיט אַכטונג און איבערפילט מיט ימים געפיהלען פון פחד, איז ער געווען גרייט אַליין צו מעלדען דעם ריכטער, אַז ער איז שולדיג. לויט געוויסען האָט ער זיך ניט געהאַלטען פאַר אַ פערברעכער; אָבער ער האָט געפיהלט ווי קליין און נאַריש איז דער געוויסען פון עפּעס אַ געהער, געגען די סימבאָלען פון געזעטץ און פאַר די טרייע דיענער פון געזעלשאַפטליכען משפט. זיין פערטיידיגער האָט איהם שוין אַביסעל איינגעשמועסט, אַז ער איז ניט אונשולדיג.

די געשווינדע און קורצע אויספאָרשונג האָט גלייך בעוויזען אַלע שולדען, וועלכע זענען געהאָנגען אויף איהם.

II.

וואָס האָט מיט קרענקבילען געטראָפען.

זשעראָם קרענקביל, אַ הענדלער, איז דעם גאַנציען יאָהר אַרומגעפאָהרען איבערן שטאָדט, פיהרענדיג אַ קליין וועגעלע און אויסרופענדיג: „קרויט, ברוקווע, מערען". און ווען ער האָט

געהאַט פאָרע, פלעגט ער שרייען: „גוטע ספּאַרזשע!" — ווייל פאָרע איז ביי די אָרעמע לייט — ספּאַרזשע. אַמאָל, דעם 20 אָקטאָבער, געגען האַלבען טאָג, ווען ער האָט זיך אַראָבגעלאָזען אין דער גאַס „מאָנמאַרטר", איז פון איהר שוך־קרעמעל אַרוים די שוסטערן, פרוי באַיאַר, און איז צוגעגאַנגען צו זיין וועגעל. זי האָט מיט גרינגשעצונג גענומען אַ בינדעל פאָרע און האָט געזאָגט:

אייער פאָרע איז ניט אַם בעסטען. וואָס קאָסט אַ בינדעל?

— 15 סו מאַדאַם. קיין בעסערן וועט איהר ניט קריגען.

— 15 סו פאַר דריי אַזעלכע צודאַרטע קעפּלעך פאָרע?

זי האָט דעם בינדעל צוריק אין וועגעל געוואָרפען מיט אַ מינע פון עקעל.

אין דעם דאָזיגען מאָמענט איז צו קרענקבילען צוגעגאַנגען אַ פּאָליציימאַן, וואָס האָט געטראָגען אַ בלעכעל № 64 און האָט געזאָגט:

— געהט דורך!

קרענקביל איז שוין 50 יאָהר אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסען פון פּריה ביז ביינאַכט. דערפאַר האָט איהם דעם פּאָליציימאַנ'ס בעפעהל, דורכגעהן, אויסגעזעהן גאַנץ זאַכליך און געזעטצליך. ער איז געווען גרייט איהם צו פאָלגען, און האָט געהייסען די שוסטערן גיכער אויסצוקלויבען, וואָס איהר געפעלט.

— איך דאַרף דאָך פריהער אויסקלויבען סחורה, האָט זי בייז געענטפערט.

דערנאָך האָט זי איבערגעקוקט אַללע בינדלעך, וואָס זענען געווען אין וועגעל, ענדליך האָט זי גענומען יענס, וועלכעס האָט איהר אויסגעוויזען בעסער פיר אַלע און האָט איהם צוגעדריקט צום הערצען.

— איך וועל אייך געבען 14 סו. דאָס איז גאַנץ גענוג. איך וועל מוזען צו־געהן נאָך די געלד אין קרעמעל, ווייל איך האָב ניט מיטגענומען.

און צוהאַלטענדיג מיט'ן האַנד די פאָרע, איז זי אַריין

אין קרעמעל, וואו עס האָט שוין אויף איהר געוואַרט אַ קונה מיט אַקליין קינד.

צו דיעזעם מאָמענט האָט דער פּאָליציימאַן № 64 ווידער געזאָגט צו קרענקביליען:

— געהט דורך!

— איך וואַרט אויף געלד, האָט קרענקביל נעענטפערט.

— איך זאָג אייך ניט, איר זאָלט וואַרטען אויף געלד, איך האָב אייך געזאָגט, איהר זאָלט דורכגעהן, האָט דערווידערט דער פּאָליציימאַן מיט אַשטרענגען טאָן.

אין דיעזער צייט האָט די שוסטערן אָנגעמאָסטען העל בלאָע שיכלעך דעם 1 1/2 יאָהריגען קינד, וועמעס מוטער האָט זיך זעהר געאַילט און די גרינגע קעפּלעך פון פּאָרע זענען געלעגען אויפ'ן טיש.

אַרומגעהענדיג 50 יאָהר מיט זיין וועגעל איבער די גאַסען, האָט זיך קרענקביל שוין אויסגעלערנט געהאָרזאַם צו זיין די פּאָרשטעהער פון דער הערשאַפט. נאָר היינטיגען מאָל האָט ער זיך עפּעס געפונען אין אַנ'אַנדער מין לאַגע, צווישען פליכט און רעכט. ער האָט ניט פערשטאַנען, אַז דאָס בענוטצען זיך מיט זיין אייגענער רעכט, בעפרייט איהם נאָך ניט פון ערפילען די געזעלשאַפטליכע פליכט. ער האָט צופיל געקלערט וועגען זיין רעכט צו בעקומען 14 סו און האָט זיך ניט גענוג דורכגעדרונגען מיט דעם פליכט, וועלכע האָט פון איהם געפאָדערט אַז ער זאָל פיהרען זיין וועגעל און געהן ווייטער, אַלץ ווייטער. דערפאַר איז ער געבליבען שטעהן.

צום דריטען מאָל האָט איהם דער פּאָליציימאַן № 64 רוהיג און אָהן כעס געהייסען דורכגעהן. פונקט דער היפך פון דעם בריגאַדיר מאָנטאַסיעל, וועלכער סטראַשעט שטענדיג, נאָר ערפילט קיין מאָל ניט זיינע סטראַשונקעס, האָט דער אַגענט № 64 ניט ליעב פיל צו ריידען, אָבער אַסך צו טהון. אַזאַ חאַראַקטער האָט ער. ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס ער איז אַביסעל מרה־שחורה'דיג, איז ער אַ פראַבטפאָלער דיענער און אַ איבער־

געגעבענער סאָלדאַט, דרייסט ווי אַ לייב און שטיל ווי אַ קינד. ער געדענקט און ווייס נאָר זיין שבועה!

— איהר הערט ניט, צי וואָס, אַז איך הייס אייך דורכגעהן!

קרענקביילען האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אַגאַנץ ערנסטע אורזאַכע אום צו בלייבען שטעהן אויף זיין אָרט. ער האָט עס אויסגעדריקט איינפאַך און אָהן שום קונסט:

— דער טייוועל וויים! איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך וואַרט אויף געלד!

דער אַגענט № 64 האָט זיך בעגנוגענט מיט אַ ענטפער:

— איהר ווילט אפשר, איך זאָל אייך פערשרייבען אַלס אַ געזעצען־שטערער? אויב אַזוי, ברויכט איהר נאָר איין וואָרט זאָגען.

דערהערענדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט קרענקביל פאַמעליך געדריקט מיט די פלייצעס, און האָט אָנגעשטרענגט אַ טריבען בליק, פריהער אויף דעם פּאָליציימאַן, דערנאָך צום הימעל.

„גאָט איז מיין עדות! פעראַכט איך דען די געזעצען? לאַך איך דען פון די דעקרעטען און בעפעהלען, וועלכע האָבען אַ שייכות צו מיינע וואַנדערונגען איבער די גאַסען? 5 אַ זייגער פאַר טאָג בין איך שוין געוועזען אויפ'ן מאַרק, פון 7 אַ זייגער ברען איך שוין מיינע הענד, רייבענדיג זיי אָן די האַלאָבלעס און שרייענדיג: קרויט, ריבען, מערען! איך בין שוין אַלט 60 יאהר. איך בין מיעד. און מיט אַמאָל פרעגט איהר מיך צי בונטעווע איך זיך ניט. איהר לאַכט פון מיר און אייער געלעכטער איז זעהר אַ שלעכטער".

עס איז מעגליך, אַז דער אַגענט האָט ניט בעמערקט דעם אויסדרוק פון דעם בליק, אָדער ער האָט איהם ניט אָנגענומען פאַר אַ ענטשולדיגונג, אַזוי צו אַזוי — ער האָט איהם ווידער קורץ און האַרט געפרעגט צי האָט איהם קרענקביל פערשטאַנען.

גראָד אין דער זעלבער מינוט האָט זיך אויף דער גאַס

מאָנמאַרטר צו...פגעקליבען אַסך קאַרעטעס. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די פיאַקרעס, פוהרען, אָמניבוסען, דראָשקעס, צוגעקוועטשט איינע צו די אַנדערע, האָבען זיך אַזוי צומישט, אַז זיי וועט זיך בשום אופן ניט איינגעבען זיך פאַנאַנדער צו פלאָנטען, און אויף דער גאַנצער מאַסע האָט זיך געטראָגען אַגערודער פון זידלערייַ און געשרייַ. די פוהרלייט האָבען זיך פון דערווייַטען איבערגעוואָרפען מיט קולות, מיט זלזולים, און די קאָנדוקטאָרען פון אָמניבוסען, געפינענדיג, אַז אין דעם אַלעם איז שולדיג נאָר קרענקביל, האָבען איהם געשימפּפּט און אָנגערופען „מאָסע פּאָרע"!

אויפ'ן טראָטואַר האָט זיך אָנגעהויבען צו פערזאַמלען אַ נייַגיריגער עולם, וועלכע האָט געוואָלט דערגעהן, וואָס קומט אַזוינס פאָר. און דעם אַגענט, וועלכער איז געוועזען דער מיטעלפונקט פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, האָט בעהערשט איין איינציגער געדאַנק: ווייַזען זייַן קראַפט.

— גוט, האָט ער געזאָגט.

ער האָט אַרויסגעשלעפט פון טאַש עפּעס אַ פערשמירטען ביכעל און אַ שטיקל אָבגעביסענעם בלייַפעדער.

קרענקביל איז געוועזען דורכגעדרונגען מיט זייַן אידעע און האָט זיך אונטערגעגעבען זייַן אינערליכע קראַפט. אויסער דעם האָט ער סייַ ווי סייַ ניט געהאַט יעצט קיין שום מעגליכקייט ריהרען זיך מיט זייַן וועגעל אַהין אָדער אַהער, צום אומגליק האָט זיך נאָך דאָס רעדעל פון זייַן וועגעל פאַרשטעפּעט אין דאָס רעדעל פון דעם מילכיגערם וועגעל.

ער האָט אַ געשרעה געטהון, חאַפּענדיג זיך פאַר'ן קאָפּ און רייַסענדיג די האָר:

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך וואַרט אויף מייַן געלד! דאָס איז דאָך אַ אומגליק! דער טייַוועל זאָל עס צונעמען!

דער אַגענט № 64 האָט זיך געפונען בעליידיגט מיט דיעזע בעמערקונגען, אין וועלכע עס האָט זיך אַפילו גיכער געהערט פערצווייַפלונג, עהדער צאָרן. און אַזוי ווי דעם אַגענט

האָט יעדע בעליידיגונג אָבגעקלונגען אין די אויערן, ווי דאָס טראַדיציאָנאַלע, געוועהנליכע שימפף וואָרט „טויט די בהמות"*) האָבען אויך דעם פערברעכערס ווערטער איהם אָבגעקלונגען אין זיינע אויערן טאַקי אין דער פאָרמע.

— אַ! איהר האָט געזאָגט: טויט די בהמות! גוט קומט נאָך מיר.

דער בעליידיגטער און אונטערדריקטער קרענקביל האָט מיט זיינע גרויסע, אָבגעברענטע פון דער זון, אויגען אַקוק געטהון אויף דעם אַגענט 64, און האָט אַ געשרעה געטהון מיט זיין צובראָכענעם קול, מיט פערלייגטע הענד אויף דער בלאָער בלוזע:

— איך האָב געזאָגט: טויט די בהמות? איך? אַ!

די סוביעקטען און „אינגלעך" האָבען לאַכענדיג געקוקט אויף דעם אַרעסט. דאָס האָט צוגעטראָפען דעם געשמאַק פון אַ גרויסער נייגיריגער מאַסע, וועלכע האָט ליעב זיך צוצוקוקען צו אַזעלכע אונכּאַסיגע און גוואַלדיגע סצענעס. אָבער מאַכענדיג זיך אַ וועג אין דער מאַסע מענשען, איז צו דעם אַגענט צוגעגאַנגען אַ אַלטער מאַן אין אַ הויכען הוט, אָנגעטהון אין גאַנצען אין שוואַרצען, מיט זעהר טרויעריגע אויגען, און האָט איהם געזאָגט מיט אַשטילען קול, ווייך, נאָר ענטשלאָסען:

— איהר האָט אַ טעות געהאַט! דיזער מענש האָט אייך ניט בעליידיגט.

— קריעכט ניט אַהין, וואו מען בעט אייך ניט! האָט איהם דער אַגענט געענטפערט, היינטיגען מאָל אָהן סטראַשונקעס, דערפאַר ווייל ער האָט געהאַט צו טהון מיט אַ אַנשטענדיג-געקליידעטען מאַן.

אָבער דער אַלטער איז האַרט געשטאַנען אויף זיינס. דער אַגענט האָט איהם פאָרגעלייגט זיך ערקלערען ביי דעם קאָמיסאַר פון פאָליציי. און קרענקביל האָט דערווייל ווייטער געשריגען:

— איך האָב געזאָגט: טויט די בהמות? איך?

ער האָט נאָך אַלץ פערוואונדערט וויעדערהאָלט דיזע

*) אזוי רייצט מען אין פראַנקרייך די פאליציייסקע.

ווערטער, אַלס די פרוי באַיאַר, די שוסטערן איז צו איהם צוגעגאַנגען מיט די 14 סו אין האַנד. אָבער דער אַגענט № 64 האָט געהאַלטען קרענקבילען פאַרן קאָלנער און די פרוי באַיאַר, דענקענדיג, אַז עס איז ניט כדאי צו האָבען צו טהון מיט אַ מענשען וועלכען מען שלעפּט אין צירקעל, האָט בערעבענטערהייט בעהאַלטען די 14 סו אין קעשענע.

און זעהענדיג, אַז זיין ווענעל האָט מען צוגענומען, אַז ער האָט פערלאָרען די פרייהייט, אַז אונטער די פיס עפענט זיך פאַר איהם דער תהום און איבער'ן קאָפּ לעשט זיך די זון, האָט קרענקביל אַ מורמעל געטהון:

— אַט אַזוי — אַזוי!....

ביי דעם קאָמיסאַר האָט דער אַלטער ערקלערט, אַז אָבשטעלענדיג זיך אויפ'ן גאַס צוליעב דעם צוזאַמענשטויס פון די עקיפּאַזשען, איז ער געווען אַן עדות פון דער סצענע און בעשטעטיגט, אַז דעם אַגענט האָט מען לחלוטין ניט בעליידיגט, אַז ער האָט אין גאַנצען ניט פערשטאַנען אין וואָס עס געהט. ער האָט געזאָגט זיין נאָמען און בעשעפטיגונג: דאָקטאָר דאַוויד מאַטיע, דער עלטערער דאָקטאָר אין שפּיטאָל אמברואַזאָ פּאַרע, אַ קאַוואַלער מיט אַן אָרדען פון געעהרטען לעגיאָן. אין אַנדערע צייטען וואָלט אַזאַ עדות זאָגען געווען גאַנץ גענוג, אַז מען זאָל עס אָננעהמען, נאָר אין יענער צייט האָט מען די געלעהרטע אין פראַנקרייך געהאַלטען פאַר ניט גאָר כשר.

קרענקביל האָט די נאַכט פערבראַכט אין אַרעסט און אויף מאָרגען האָט מען איהם אויף דעם געפענגנעניש־וואָגען אַוועק־געפיהרט אין דעפּאָ. דאָרט האָט ער זיך געפיהלט ניט שלעכט. אַז ער איז אַריינגעקומען אין טורמע האָט זיך איהם גלייך געוואָרפען אין די אויגען די ריינקייט פון די ווענד און פון דער פּאָדלאָגע. ער האָט געזאָגט:

— אַט דאָס איז שוין איין מאָל אַ ריינקייט! דער טייוועל זאָל עס נעמען! מען קען אַפילו עסען פון דער פּאָדלאָגע.

ווען ער איז געבליעבען אַליין. האָט ער געוואָלט אַ רוק־

טהון זײַן בענקעל, נאָר ער האָט בעמערקט, אַז ער איז צוגע־בויט צום וואַנד. ער האָט הויך אַרויסגעזאָגט זײַן וואונדער:

— אָט דאָס איז אַ וואונדערליכע זאַך! אַזוינס וואָלט איך שוין געוויס ניט געקענט אויסטראַכטען!

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און איז געבליעבען זיצען פערוואונדערט. עס האָט איהם געדריקט די שטילקייט און איינ־זאַמקייט. עס איז איהם געוואָרען אומעדיג; אַן אונרוהיגער האָט ער בעטראַכט דעם גורל פון זײַן וועגעל, וועלכען מען האָט בײַ איהם צוגענומען און אין וועלכען עס האָט זיך נאָך געפונען אַזוי פיל קרויט, מערען, שצאַוועל און סאַלאַטע. מיט שרעק האָט ער זיך געשטעלט די פראַגע:

— וואוהין האָבען זיי אַהין געטהון מײַן וועגעל?

אויפ'ן דריטען טאָג האָט איהם בעזוכט זײַן פערטיידיגער. הער לעמערל, איינער פון די יונגסטע מיטגליעדער פון דער אַרוואָקאַטישער קאַסטע אין פאַריז, דער פרעזידענט פון דער סעקציאָן „די ליגע פון פראַנצויזישען פאַטערלאַנד”.

קרענקביל האָט געפרובט איהם צו דערצעהלען זײַן משפט. דאָס איז געווען ניט גרינג, ווײַל ער האָט ניט געהאַט קיין גע־וועהנהייט פיעל צו ריידען. אפשר וואָלט ער ווי עס איז אַרויס־געקראָבען פון דער שווערער לאַגע, ווען מען וואָלט איהם גע־האָלפען. אָבער דער פערטיידיגער האָט בײַ יעדען וואָרט זײַנעם זעהר אומגלויביג געשאָקעלט מיט'ן קאָפ און בלעטערנדיג דעם פאַפיר, האָט ער געמורמעלט:

— הם! הם! איך זעה גאָר נישט עהרליכעס אין די פאַפירען!..

נאַכהער, אַז ער איז שוין אַביסעל מיעד געוואָרען פון קרענקבילס ערצעהלונג, האָט ער איהם געזאָגט, גלעטענדיג דערבײַ זײַנע העלע וואָנסען:

— פאַר אײַך וואָלט בעסער געוועזען, ווען איהר וואָלט זיך אַליין מודה געוועזען. איך פון מײַן זײַט געפין, אַז אײַער דרך אַלץ אָבלייקענען — איז גאָר ניט אַזאַ גלײַכע זאַך.

נאָך אַזוינע ווערטער וואָלט זיך קרענקביל מודה געווען

אין אַלץ, ווע; ער וואָלט נאָר וויסען אין וואָס ער דאַרף זיך מודה זיין.

III.

קרענקביל פאַר'ן געריכט.

דער פאָרזיצענדער בורריש האָט גאַנצע זעקס מינוטען אויסגעפרעגט קרענקבילען. דיעזע אויספאָרשונג וואָלט געקענט פיעל קלאָר מאַכען דעם ענין, ווען דער בעשולדיגטער וואָלט געקענט ענטפערן אויף די פראַגען, וועלכע מען האָט איהם געשטעלט. אָבער קרענקביל איז ניט געווען געוועהנט צו רעדען און דערצו נאָך אין אַזאַ קאָמפּאַניע. גרויס אַכטונג און מורא פאַר'ן געריכט האָבען איהם ניט ערלויבט דעם מויל צו עפענען און דאַריבער האָט ער געשוויגען. דער פאָרזיצענדער האָט אַליין געגעבען אַנטוואָרטען אויף די פראַגען, וועלכע מען האָט געשטעלט; דיזע אַנטוואָרטען האָבען גערעדט ניט צום נוטץ פון דעם בעשולדיגטען. דער פאָרזיצענדער האָט געשלאָסען די אויספאָרשונג:

— ענדליך זייט איהר מודה אַז איהר האָט געזאָגט: „טויט די בהמות“!

— איך האָב געזאָגט: „טויט די בהמות“ דערפאַר, ווייל דער העררר אַגענט האָט געזאָגט: „טויט די בהמות“ דאַן האָב איך אויך געזאָגט „טויט די בהמות“ —

ער האָט געוואָלט ערקלערען, אַז ער האָט זיך זעהר אויפגערעגט פון אַזאַ פלוצלינגען בעשולדיגען און דערפאַר, ניט וויסענדיג, וואָס מיט איהם טהוט זיך, האָט ער ווידערהאָלט די מאָדנע ווערטער אין וועלכע מען בעשולדיגט איהם אומזיסט און וועלכע ער האָט געוויס ניט געזאָגט. ער האָט געזאָגט: „טויט

די בהמות" מיט אַזאַ טאָן, אַזוי ווי דאָס וואָלט געהייסען: „וואָס! איך זאָל מיך ערלויבען צו זידלען? איז עס דען מעגליך?"

דער הערר פּרעזידענדער בורריש האָט איהם אָבער אַנדערש פערשטאַנען.

— איהר זאָגט, אַז דער אַגענט האָט דער ערשטער אַרויסגעשריגען דיזע ווערטער? —

קרענקביל האָט איהם דאָס ניט געקענט ערקלערען. דאָס איז פאַר איהם געווען צו שווער.

— איהר שפּאַרט זיך ניט, דאָס איז אַ שכל פון אייער זייט — האָט געזאָגט דער פּרעזידענדער. ער האָט געהייסען אַריינפיהרען די עדות.

דער אַגענט № 64 באַסטיען מאַטראַ, האָט געשוואָרען, אַז ער וועט זאָגען די וואָהרהייט. די ריינע וואָהרהייט, דערנאָך האָט ער געגעבען זיין עדות אין די פאָלגענדע ווערטער:

— שטעהענדיג דעם 20 אָקטאָבער אַרום מיטאָג, אויף מיין פּאָסט, האָב איך אויף דער גאַס מאָנמאַרטר בעמערקט אַמענשען, וועלכען איך האָב אָנגענומען פאַר אַ גאַסען־טרעגער; געגען דעם געזעטץ האָט ער זיך אָבגעשטעלט מיט זיין וועגעל געגען איבער דעם הויז № 328 און צוליעב דעם איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטוים פון קאַרעטעס. דריי מאָל האָב איך איהם געהייסען דורכגעהן, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאָלגען, זוען איך האָב איהם אָבער מתרה געווען אַז איך וועל מאַכען אַ פּראָטאָקאָל, האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ געשריי „טויט די בהמות!" און דיזעס האָב איך אָנגענומען פיר אַ בעליידיגונג. —

דער געריכט האָט מיט חסד זיך בעצויגען צו דיזען פּעסטען און קורצען בעווייז. דער פערטיידיגער האָט אַרויסגערופען אַלס עדות די פרוי באַיאַר און דעם הערר דוד מאַטיע, דעם עלטערן אַרצט פון דעם שפּיטאַל אַמבּרואַזאָ פּאַרע. פרוי באַיאַר האָט גאָרניכט געהערט און גאָרניכט געזעהן. דער אַרצט מאַטיע איז געווען אין דער מאַסע מענשען, וועלכע האָבען זיך אַרומגעקליבען אַרום דעם אַגענט, ווען ער האָט

געהויסען דעם גאסען־טרעגער דורכגעהן. זיין עדות זאגען האט זיך געענדיגט מיט א אינצידענט.

— איך בין געוועזען א עדות פון דיעזער סצענע, — האט געזאגט דער ארצט — איך האב בעמערקט, אז דער אגענט האט ניט פערשטאנען אין וואס די זאך איז: קיינער האט איהם גאר ניט בעליידיגט. איך בין צוגעגאנגען און האב איהם עס בעמערקט, דער אגענט האט אבער ניט אפגעלאזען דעם ארעסטירטען און האט נאך מיר אויך פארגעלייגט געהן מיט איהם אין צערקעל, איך האב עס ערפילט. איך בעשטעטיג די־זעלבע רייד וואס איך האב געזאגט אין צערקעל. —

— איהר קענט זיך זעצען, האט געזאגט דער פארזיצענ־דער. פריסטאוו! טהוט ארוף דעם עדות מאטרא — מאטרא! ווען איהר האט ארעסטירט דעם בעשולדיגטען, האט אייך דער דאקטאר מאטיע ניט געזאגט, אז איהר האט ניט פערשטאנען אין וואס עס געהט? —

— פונקט אזוי, הערר פארזיצענדער, ער האט מיך בעליידיגט.

— וואס האט ער אייך געזאגט?

— ער האט מיר געזאגט: „טויט די בהמות"!

פון צווישען דאס פובליקום האט זיך געהערט א געלעכטער.

— איהר קענט געהן, האט איילענדיג געזאגט דער פארזיצענדער, און דאס פובליקום האט ער מתרה געווען, אז אויב מען וועט זיך ניט האלטען רוהיג, וועט ער בעפעהלען פריי מאכען דעם זאל.

עס איז געווארען פאלקאם שטיל. הערר לעמערל האט זיך אויפגעהויבען און האט אנגעפאנגען זיין רעדע ריהמענדיג די אגענטען פון דער פרעפעקטורע:

— דיעזע בעשיידענע דיענער פון דער געזעלשאפט, וואס מוזען פאר אזא קליינעם געהאלט אריבערטראגען אזוי פיעל שוועריגקייטען, זיך שטענדיג געפינען אין געפאהר; די דיענער וועלכע ציינגען אלע טאג אזעלכע גבורות, זיי זענען אלע געוועזענע סאלדאטען און אין הארצען זענען זיי נאך עד היום

סאָלדאַטען געבליבען. אַ סאָלדאַט! אין דיעזען וואָרט איז שוין אַלעם געזאָגט".... און לעמערל האָט אָנגעהובען צו רעדען וועגען פערשידענע מיליטערישע אויסצואַנגונגען. „ער געהערט צו יענע" האָט ער געזאָגט, „וועלכע ערלויבען ניט אָנצוריהרען די אַרמעע, די נאַציאָנאַלע אַרמעע, צו וועלכער ער אַליין האָט געהאַט די עהרע צו געהערען".

העררלעמערל איז ווירקליך געוועזען אַ לייטענאַנט פון רעזערוו. אויסער דעם איז ער געוועזען אַ קאַנדידאַט פון די נאַציאָנאַליסטען אין קוואַרטאַל וויעל-אַדריעט.

ער האָט ווייטער גערעדט:

— נאַטירליך, איך זאָג מיך ניט אָפּ צו אַנערקענען אַלע בעשיידענע און טהייערע טובות, וועלכע עס טהוען יעדען טאָג די בעשיטצער פון דער רוה פאַר די איינוואָהנער פון פּאַריז און איך וואָלט ניט מרוצה געוואָרען נעהמען אויף זיך צו פערטיידיגען קרענקבילען, פאַר אייך ה"ה ריכטער, ווען איך וואָלט איינגעזעהן, אַז ער האָט באמת בעליידיגט אַן אַלטען סאָלדאַט. מיין קליענט בעשולדיגט מען אין דעם, וואָס ער האָט געזאָגט! „טויט די בהמות!" דער זין פון דעם אויסרופען דערלאָזט קיינע צווייפלען. ווען איר וועט אַריינקוקען אין ווערטער-בוך וועט איר דאָרט איבער לעזען:

Vachard — אַ פוילער, אַ גאָרנישט, דער וואָס וואַלגערט זיך ווי אַ בהמה (Vache) אַנשטאַט צו אַרבייטען. Vache — דער, וועך עס פערקויפט זיך פּאָליציי, אַ שפּיאָן. „טויט די בהמות"! — אַזוי רעדט מען אין בעוואוסטע שיכטען, נאָר די גאַנצע פראַגע בעשטעהט דאַרין: ווי האָט עס געזאָגט קרענקביל? און אַפילו דערייין: צי האָט ער עס אין גאַנצען געזאָגט? ערלויבט מיר מיינע הערען, אין דעם צו צווייפלען. איך בין ניט חושד דעם אַגענט אַז ער האָט דאָס בעשולדיגען אין גאַנצען אויסגעטראַכט, אָבער אַזוי ווי מיר ווייסען וואָס פאַר אַ שווערע שטעל ער פערנעמט, אָפטמאָל איז ער מיעד, צורודערט און אויפגערעגט, ביי אַזעלכע בעדינגונגען האָט ער געקענט ווערען אַן אָפּפער פון גאַליוציגאַציע (העל-זיכטיגקייט). אַז ער האָט אונז געזאָגט אַז דאָקטאָר

דוד מאטיע, דער עלטערער ארצט פון שפיטאל אמברואזא פארע א בעוואוסטער געלעהרטער און וועלטליכער מענטש האט אויף איהם אויסגעשריען „טויט די בהמות!” האבען מיר אלע געמוזט אנערקענען [...] מאטרא איז געווארען אאפפער פון קראנקהייט און אויב מיינע ווערטער וואלטען אייך ניט דאכטען פאר צו שטרענגע, וואלט איך אנגערופען די קראנקהייט מאניע — פערפאלגונג. און ווען אפילו מיר זאלען דערלאזען, אז קרענקביל האט געזאגט „טויט די בהמות”, דארף מען נאך וויסען אויב מען קען דאס איהם שטעלען פאר א שולד. קרענקביל איז א אונגעזעצליכער זוהן פון א מארק-זיצערין, וועלכע איז פערלארען געגאנגען פון אשלעכטער אויפפיהרונג און פון טרינקען, ער איז א געבארענער אלקאהאליק, איהר זעהט איהם, איהר זעהט, ווי פערגרעבט ער איז געווארען אין 60 יאהר, וועלכע ער האט אבגעלעבט אין ארעמקייט, מיינע העררען, אנערקענט איהם פאר א תם”.

העקר לעמערל האט זיך אוועקגעזעצט און דער הערר פארזיצענדער בורריש האט דורך די צייהן דורכגעלעזט דעם פסק, וועלכער האט קרענקבילען צוגעמשפט 15 טעג טורמע און 50 פראנק שטראף. דער געריכט האט געגרינדעט זיין אורטייל אויף מאטרא׳ס עדות.

דורכגעהענדיג דורך די לאנגע פינסטערע קארידארען פון דעם געריכט-זאל, האט קרענקביל דערפיהלט א זעהר גרויסע בעדערפעניס אין מיטגעפיהל. ער האט זיך געווענדט צום סטראזשניק, וועלכער האט איהם בעלייט און האט איהם דריי מאל גערופען:

— סטראזשניק! סטראזשניק! סטראזשניק!

און ער האט אבגעזיפצט.

— האט מיר דען ווער געקענט זאגען מיט צוויי וואכען צוריק, וואס מיט מיר וועט פאסירען!

נאכהער, נאך אקלייגער פויזע, האט ער בעמערקט:

— די העררען רעדען צו גיך. זיי רעדען גוט, נאר צו גיך. מען

קען זיך מיט זיי ניט צונויפרײדען ... סטראַזשניק, איהר געפינט ניט, אַז זיי רעדען צו גיך, האַ?

אָבער דער זעלנער איז געגאַנגען שווייגענדיג און האָט אַפילו דעם קאָפּף צו איהם ניט אַ קעהר־געטהון.

קרענקביל האָט געפרעגט:

— וואָס פאַר ענטפערט איר גאָרניִשט?

דער זעלנער האָט ניט אויפגעהערט צו שווייגען. קרענקביל מיט ביטערקייט האָט איהם בעמערקט:

— אַפילו מיט אַ הונד רעדט מען אויך. פאַרוואָס רעדט איהר ניט מיט מיר? איר עפענט גאָר דעם מויל ניט: איהר האָט, הייסט עס, מוראַ, אַז ביי אייך הערט זיך פון מויל?

IV.

ווי אַזוי קרענקביל איז אונטערגעפאַלען אונטער די געזעצען פון דער רעפובליק.

ווען קרענקביל איז אין טיורמע געקומען, האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויף זיין אונבעוועגליכען בענקעל, פערוואונדערט און איבערראַשט. ער האָט אַליין אויך אויף געוויס ניט געוואוסט צו די ריכטער האָבען אַ טעות געהאַט. דער געריכט האָט אונטער זיינע שענע אויסערליכע פאָרמען פאַר איהם פערבאָרגען זיינע אינערע שוואַכע זייטען. קרענקביל האָט זיך ניט געקענט איבערצייגען, אַז אויף זיין זייט איז געוועזן דאָס רעכט — די מאָטיוועז פון די ריכטער האָט ער ניט פערשטאַנען; ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז אין אַזאַ שיינער צערעמאָניע זאָל עפּעס פאָרקומען ניִשט רעיעלעס, ווייל ער איז קיינמאָל ניט געוועזן ניט ביי אַ גאָטעס־דינסט און ניט ביי דעם אויפנעמען פון דעם פּרעזידענט פון דער רעפובליק, ער האָט אויף זיין לעבען קיין שענערע

זאַך, ווי דער געריכט, ניט געזעהן. ער האָט, נאַטירליך, גאַנץ גוט געוואוסט אַז ער האָט ניט געשריגען: „טויט די בהמות”! און דאָס, וואָס מען האָט איהם פערמשפּט צו 15 טעג אַרעסט דערפאַר, וואָס ער האָט עס געשריגען האָט איהם אויסגעזעהן ווי עפּעס אַ הייליגער סוד, איינע פון די זאַכען, אין וועלכע מען גלויבט האָטש מען פערשטעהט זיי ניט. דאָס האָט ער געהאַלטען פיר אַ ענטדעקונג, וואָס איז אונדייטליך איבעראַשענד ביז שרעקליכקייט, פאַר וועלכער מען דאַרף פאַלען כורעים.

דיזער אַלטער, אָרעמער מענש האָט זיך געהאַלטען פאַר שולדיג דערין, וואָס ער האָט עפּעס אויף אַ אונבעוואוסטען אופן בעליידיגט דעם אַגענט № 64, פונקט ווי אַקליין קינד, ויאָס געהט דעם ערשטען מאָל זיך מתודה זיין האַלט זיך פאַר אונשולדיג אין זיינע עלטער-עלטערנס עברות. מען האָט איהם איינגעשמועסט, בשעת מען האָט איהם אַרעסטירט, אַז ער האָט געשריען „טויט די בהמות”! הייסט דאָס, אַז ער האָט געשריגען נאָר אַזוי, אַז ער האָט עס אַליין ניט פערשטאַנען. ער האָט זיך אַריבערגעטראָגען אין מאָדנע געדאַנקען.

אויב ער האָט ניט געהאַט קיין ריכטיגע פאָרשטעלונג וועגען זיין שולד, האָט ער אָבער אויך ניט געהאַט קיין ריכטיגע פאָרשטעלונג ויעגען דעם בעשטראָף, וועלכען ער האָט בעקומען. די בעשולדיגונג האָט זיך איהם געדאַכט פאַר עפּעס אַ הויכע זאַך, פאַר דאָס, וואָס מען קען ניט פערשטעהן, וועגען וואָס מען טאָר ניט רעדען און מיט וואָס מען טאָר זיך ניט פרעהען, ניט טרויערן. ווען אין דיזעם מאָמענט וואָלט זיך פיר איהם פאָרשטעלען דער פּאָרזיצענדער בוריש, אַרומגערינגעלט מיט ליכט, מיט ווייסע פליגלען, אַראָבלאָזענדיג זיך פון אויבען, וואָלט ער זיך גאָרניש פערוואונדערט פון דער נייער ערשיינונג פון דעם געריכט. ער וואָלט געזאָגט: „מיין משפּט ציהט זיך ווייטער”.

אויף מאָרגען האָט איהם בעזוכט זיין פערטיידיגער.

— נו. מיין ליעבער! איז איך ניט זעהר שלעכט? נאָר

דרייסטער! צוויי וואָכען וועלען זיך איבערקומען. מיר האָבען זיך ניט וואָס צו קלאָגען.

— מען קען זאָגען, אַז די דאָזיגע הערען האָבען זיך מיט מיר בעגאַנגען בנעימות'דיג, זעהר עדעל, קיין איין גראָב וואָרט. איך האָב זיך דאָס גאָר ניט פאָרגעשטעלט! און דער זשאַנדאַרם האָט אַפילו ווייַסע האַנדשוה אָנגעטהון. איהר האָט בעמערקט?

— ווען מען זאָל אַלץ גוט בעטראַכטען איז טאַקי גאַנץ גוט, וואָס מיר האָבען זיך מודה געווען.

— עס איז מעגליך.

— קרענקביל, איך האָב פאַר איך אַ גוטע נייַס. איינע אַ זעהר עדלע פערזאָן וועלכע איך האָב פעראינטערעסירט מיט אייער משפט, האָט מיר פאַר איך געגעבען 50 פראַנק, וואָס איהר דאַרפט בעצאָהלען, אַלס שטראָף!

— ווען זשע וועט איהר מיר געבען די דאָזיגע 50 פראַנק?

— מען וועט זיי אַרייַנטראָגען דעם סעקרעטאַר, האָט קיין מורא ניט!

— אַלץ איינס, איך בין זעהר דאַנקבאַר דיעזער פערזאָן.

און קרענקביל האָט אַ מורמעל געטהון, ווי פערטראַכט:

— עפּעס אַ מאָדנע געשיכטע האָט מיט מיר געטראָפען.

— מאַכט נאָר ניט גרעסער, ווי די מעשה איז, קרענקביל. אַזעלכע משפטים, ווי אייערע, טרעפט זיך גאָר ניט זעלטען.

— אפשר קענט איהר מיר זאָגען וואו האָבען זיי אַהינגעטהון מיין וועגעלע?

ץ:

קרעַנקביל פאַר דעם געריכט פון דער געזעלשאַפטליכער מיינונג.

אַז קרענקביל איז אַרויס פון טורמע, איז ער ווידער אַרומגעפאָהרען מיט זיין וועגעל איבער דער גאַס מאַנמאַרטר און האָט געשריגען: „קרויט, ריבען, מערען!“ ער האָט ניט געפיהלט ניט קיין גאוה און ניט קיין בושה. די ערינערונג וועגען דעם, וואָס מיט איהם האָט פאַסירט, האָט איהם אויך שטאַרק ניט געאַרט.

אַלץ, וואָס מיט איהם האָט געטראָפען. איז איהם פאָר־געקומען עפּעס אַזוי, ווי אַ טעאַטער־זאַך, אַ רייזע אָדער ווי אַ חלום. איבערהויפּט איז ער געווען צופריעדען דערמיט, וואָס ער האָט ווידער געקענט אומגעהן איבער דער קויטיגער גאַס. איבערן שטאָרטיגען ברוק און זעהן איבער זיין קאָפּ דעם הימעל, וואָס איז אין גאַנצען מיט וואָלקענס בעדעקט, דעם טהייערן הימעל פון זיין געבורט־שטאָט.

ער פלעגט זיך אָבשטעלען אויפען ראָג פון יעדער גאַס, אום צו מאַכען אַ כוסה; נאָכדעם, פריי און פרעהליך אָנשפּייענדיג זיך אויף די פערשוויסטע הענד, כדי זיי צו מאַכען קלעביגער פלעגט ער זיך נעמען פאַר די האָלאָבלעס פון דעם וועגעל און שרייען „מערען, קרויט, ריבען“, פאַר וועלכען די פויגלעך, אַזוינע ווי ער בעזאָרגטע און הונגעריגע, וועלכע לעבען נאָר דערפון, וואָס זיי געפינען אויפען וועג — פלעגען זיך דערשרעקען און בעהאַלטען זיך אין גראָז. איינע אַ אַלטע קעכין איז צוגעגאַנגען צו איהם און טאַפּענדיג עפּעס אַבינדעל גרוים האָט זי געזאָגט:

— וואָס האָט דאָס מיט אייך, פעטער קרענקביל, טראָפען? עס איז שוין כמעט 3 וואָכען, אַז מען האָט אייך אי

אויגען ניט געזעהן? איהר זייט געוועזען קראנק? איהר זייט עפּעס בלאַסער געוואָרען.

פערשטעהט איהר מיך, פרוי מאיאט, איך האָב מיך גע־מאַכט פאַר אַ פּראַצענטניק.

אין זיין לעבען איז ניט פאָרגעקומען קיין שום ענדערונג. אמת, ער האָט אָנגעהויבען עפּעטער, אַלס געוועהנליך, אריינ־קוקען אין שענק אריין, מיט אַ אויסרייד אויסטרינקען פאַר זיין בעפרייאונג. אויסער דעם האָט ער געשלאָסען בעקאַנטשאַפט מיט אייניגע וואָהלטהעטיגע פּערזאָנען. ער פלעגט קומען צוריק אויף זיין בוידעם, האָבענדיג אַביסעל אין קאָפּ. אויסציהענדיג זיך אויף די ברעטער, פלעגט ער אויף זיך אָנציהען די זעק, וועלכע איהם פלעגט בארגען אַ קרעמער פון ראָג גאַס פאַר אַ קאָלדרע, און פלעגט קלערען: „אמת, אויף דער טיורמע איז זיך ניטאָ וואָס צו בעקלאָגען; דאָרט איז דאָ אַלץ, וואָס אַ מענש דאַרף. אין דערהיים אָבער איז פאָרט בעסער".

אָבער זיין צופריעדענהייט האָט, לײדער, קיין סך ניט געדויערט. אין גיכען האָט ער בעמערקט, אַז זיינע קונדען קוקען עפּעס אויף איהם קרום.

— אַ גוטע קעפּעל קרויט, פרוי קאַאנטראַ!

— איך דאַרף גאָר נישט.

— וואָס הייסט איר דאַרפט גאָר נישט? איהר לעבט דאָך ניט מיט לופט?

אָבער מאַדאַם קאַאנטראַ איז שטאָלץ דורכגעגאַנגען ניט ענטפערענדיג אַ וואָרט, אין דער גרויסער געבעקס־קראָם, וועלכע האָט צו איהר געהערט. די קרעמערקעס און דיענסטען, וועלכע האָבען נאָך גאָר ניט לאַנג בעלעגערט זיין מיט גרינס און פלוימען בעשמעקטען וועגעל, קעהרען זיך יעצט אָב פון איהם. אַלס ער איז דערגאַנגען דער שוסטערינס קראָם, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבען זיין גאַנצע געשיכטע, האָט ער אַ רוף געטהון:

— פרוי באיאר, פרוי באיאר, איר זייט מיר שולדיג

15 סו. איהר געדענקט?

אָבּער די פרוי בּאַאַר איז געזעסען בּײַ איהר קאַנטאָרקע, האָט אַפילו ניט בּעמערקט אַ קעהר צו טהון דעם קאָפּ צו איהם.

די גאַנצע מאָנמאַרטער גאַס האָט געוואוסט, אַז דער פעטער קרענקבּיל איז אַרויס פון טיורמע, און די גאַנצע מאָנמאַרטר גאַס האָט איהם מעהר ניט געוואָלט קענען. דער קלאַנג וועגען זײַן משפט האָט זיך פאַנאַנדער געשפּרייט אַפילו אויף דער רױשענדער גאַס רישער. דאָרט האָט ער געגען האַלבּען טאָג בּעמערקט די פרוי לאָר, זײַנע אַ אַלטע גוטע קונד. זי איז געשטאַנען אײַנגעבּויגען איבּער דעם קלײנעם מאַרטענס וועגעל און האָט געטאַפּט אַגרויס קעפּעל קרויט. איהרע האָר האָבּען געבּלאַנקט אויפ'ן זון, ווי אַ גרויסער קנויל גאָלדענע פאָדעם. און דער קלײנער מאַרטען, עפּעס ניט אַזאַ גרויסער לײַט, אַ שמוטציגער ווי אַ חזיר'ל, האָט זיך געשוואָרען, צודריקענדיג די האַנד צום הערצען, אַז קײן בּעסערע סחורה ווי בּײַ איהם, איז ניטאָ. בּײַ די זעלבּע סצענע האָט זיך קרענקבּילס האַרץ מיט בּלוט פערגאָסען. ער איז שנעל צוגעפאָהרען מיט זײַן וועגעל צו מאַרטענס און האָט זיך געווענדעט צו מאַדאַם לאָר מיט אַקלעגליכען און צובּראָכענעם קול:

— ניט פײַן, וואָס איהר פערלאָזט מיך.

פרוי לאָר האָט זיך חלילה פאַר אַ הערצאָגיניע ניט געהאַלטען. איהר פאָרשטעלונג וועגען צירקעל און טיורמע האָט זי בּעקומען ניט אין אַ גראָסאַרטיג וועלטליכע געזעלשאַפט. אָבּער מען קען דאָך זײַן אַ אָרענטליכער מענש, געהערענדיג צו וואַסערע עס איז געזעלשאַפט, ניט אַזוי דען? יעדער האָט זיך זײַן האָנער און קײנער האָט ניט ליעב צו האָבּען אַ מגע ומשא מיט אַ סוביעקט, וועלכער איז אַרויס פון טיורמע. דערפאַר האָט זי קרענקבּילען גאָרניש געענטפערט און האָט נאָר געמאַכט אַ פעראַכטליכע מינע. און דער אַלטער געהער, דערפיהלענדיג זיך זעהר בּעליידיגט, האָט געבּרומט:

— אוי! שלעפּערין, דו!

מאַדאַם לאָר האָט אַיואָרף געטהון איהר קרויט און האָט אָנגעהויבּען צו שרײַען:

עי! געה ווייטער, אַלטער פערד! אָט ערשט אַרויסגעקראָבען פון טיורמע און דערוועגט זיך שוין ווידער בעליידיגען מענשען!

ווען קרענקביל וואָלט געווען קאַלטבלוטיג, וואָלט ער איהר קיינמאָל ניט אויפגעוואָרפען איהר אויפפיהרונג. ער האָט זעהר גוט געוואוסט, אַז אין לעבען טהוט זיך ניט אַלץ אַזוי, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט; אַז מען קען זיך ניט אויסקלויבען אַ בעשעפטיגונג נאָך יעדערנס געשמאַק און אַז גוטע מענשען זענען דאָ אומעדום. ער האָט שטענדיג געהאַט אַקלוגע געוואָהנהייט קוקען צווישען די פינגער אויף דעם, וואָס זיינע קונדען טהוען ביי זיך אין דערהיים און האָט קיינעם ניט געהאַסט. אָבער יעצט איז ער געווען אויסער זיך. ער האָט מאַדאַם לאָר געזידעלט מיט די ערגסטע ווערטער. אַרום מאַדאַם לאָר און קרענקבילען האָבען זיך שוין אַרומגעקליבען נייגיריגע מענשען. מען האָט זיך איבערגעוואָרפען מיט נאָך איניגע זידלערייען און זיי וואָלטען געוויס אַרויסגעשאָטען זייער גאַנצען לעקסיקאָן. ווען עס וואָלט זיך מיט אַמאָל ניט בעוויזען די רוהיגע און אונבעוועגליכע פיגור פון דעם אַגענט. זיי זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. די דאָזיגע סצענע האָט קרענקבילען אין גאַנצען מיאוס געמאַכט אין די אויגען פון דער מאָנמאַרטר פאָרשטאַדט און אין דער גאַס רישער.

VI.

די פּאָלגען.

דער אַלטער מאַן איז געגאַנגען און האָט געמורמעלט;

— דאָס איז אַ אמת'ע שלעפערין. און עס איז ניטאָ קיין איין פרוי, אַזאַ שלעפערין ווי זי.

נאָר אין טיעפען הערצען האָט ער איר ניט דאָס אויפגעווארפען. ער האָט זי ניט געהאַסט דערפאַר, וואָס זי איז געוועזען אזאַ. גיכער האָט ער זי אַפילו געאַכט, ווייל זי איז געוועזען עקאָנאָמיש און אַנגעשעפּטס־מענש. פריהער האָבען זיי ביידע ליעב געהאַט זיך דורכצושמועסען. זי פלעגט דערצעהלען וועגען איהרע עלטערן, וועלכע האָבען געוואָהנט אין אַ דאָרף און זיי ביידע האָבען געהאַט איין וואונש צו בעאַרבייטען אַ קליין סעדעל און אויספיהרען הינדעלעך. זי איז ביי איהם געוועזען פון די בעסטע קונדען. אַז ער האָט דערזעהן, אַז זי קויפט סחורה ביי דעם קליינעם מאַרטען, ביי אָט דעם מאוסען נפש, האָט ער דערפיהלט אַ צו־גרויסע בעליידיגונג, און אַז ער האָט דערזעהן, אַז זי האָט געמאַכט אויף זיין אַדרעס אַ פעראַכטליכע מינע, איז ער געוואָרען זעהר צוקאָכט, און דער טייוועל זאָל עס צונעמען!...

שלעכט איז געוועזען דאָס, וואָס ניט זי אַליין האָט זיך פון איהם געהיט, ווי פון אַ מגפה, קיינער האָט איהם מעהר ניט געוואָלט קענען. אַלע האָבען איהם געהאַסט און געשטויסען פון זיך, ווי מאַדאַם לאָר, מאַדאַם קאָנטראַ, די בעקערין אָדער מאַדאַם באַיאַר — די גאַנצע געזעלשאַפט.

אַלזאָ, וויבאַלד מען האָט איהם אַוועקגעזעצט אויף 2 וואָכען אין טיורמע, טויג ער שוין אַפילו ניט צו פערקויפען קרויט! איז עס דען אַ יושר? און האָט עס אַ זין צו לאָזען שטאַרבען פון הונגער אַ מענשען נאָר דערפאַר, וואָס ביי איהם איז אַרויסגעקומען אונאַננעמליכקייט מיט דער פאָליציי? אויב ער קען מעהר ניט האַנדלען מיט גרינס בלייבט איהם נאָר צו שטאַרבען פון הונגער.

ווי שלעכט אויסגעהאַלטענער ווין, איז ער געוואָרען זויער. נאָכ׳ן „געשפרעך" מיט מאַדאַם לאָר האָט ער געהאַט די איינענע „געשפרעכען" מיט אַנדערע. איבער אַ קלייניגקייט האָט ער זיינע בעקאַנטע אין די אויגען געשניטען דעם רעכטען אמת און האָט זיך ניט געשעמט אין אויסדריקען. ווען זיי האָבען אַביסל לענגער אויסגעקליבען סחורה, האָט ער זיי גערופען הולטייקעס;

אין שענק האט ער זיך געקריגט מיט זיינע חברים. זיין פריינד דער קאשטאנען־הענדלער האט צוריסען די בעקאנטשאפט מיט איהם און האט געזאגט, אז דער אלטער טייוועל קרענקביל איז געווארען אן עכטער ווילדער מענש. דאס האט מען ניט געקענט אבלייקענען: ער איז געווארען גראב, בייז, האט ניט געקענט איינהאלטען די צונג און פלעגט זיך באלד אנהויבען קריגען. דאס איז אלץ געוועזען דערפאר, ווייל בעטראכטענדיג די געזעלשאפט פאר ניט רעכטפארטיג, האט ער זיינע אידעען איבער די חסרונות פון דער סיסטעם און איבער די וויכטיגע רעפארמען ניט געקענט אזוי לייכט אויסדריקען, ווי דאס וואלט געטהון א פראפעסאר פון מאראלישער און פאליטישער וויסענשאפט, און אויך דערפאר, וואס זיינע געדאנקען זענען ביי איהם אין קאפ ניט גיווען איינגעלייגט אין א הארמאנישער ארדנונג.

דאס אומגליק האט איהם געמאכט פאר ניט אויפריכטיג. ער פלעגט אויסלאזען זיין כעס אויף די, וועלכע האבען איהם קיין שלעכטס געטהון און אפטמאל אויף שוואכערע. איין מאל האט ער אראבגעלאזען א פאטש דעם קליינעם אלפאנס, דעם ווייןהענדלערס א זוהן, דערפאר, וואס יענער האט איהם געפרעגט, צי איז עפעס גוט אין טורמע.

ער האט איהם געגעבען א פאטש און געזאגט:

— שייגעץ! דיין פאטער האט גאר געדארפט דארטען זיטצען, אנשטאט דעם ער זאל רייך ווערען, האנדלענדיג מיט סם!

דיעזע טהאט און ווערטער, האבען איהם קיין עהרע געמאכט, ווי עס האט זיך מיט רעכט אויסגעדריקט דער פערקויפער פון קאשטאנען. מען טאר ניט שלאגען א קינד אדער אויפוואַרפען איהם זיין פאטער, וועלכען דאס קינד האט דאך ניט אויסגעקליבען מיט'ן גוטען ווילען.

ער האט אנגעהויבען שכור'ען. וואס ווייניגער ער פלעגט פערדיענען, אלץ מעהר פלעגט ער פערטרינקען. פריהער אזא עקאנאמנער און ניכטערער, האט ער זיך אליין געוואונדערט אויף דעם, וואס מיט איהם איז געווארען.

— קיין מאל בין איך ניט געוועזען קיין הולטיי. מען מוז זיך מודה זיין, אז אויף דער עלטער ווערט דער מענש אלץ נארישער.

אפטמאל פלעגט ער אליין שטרענג קריטיקירען זיין שלעכטען אויפפיהר און זיין פוילקייט:

— עי, אלטער קרענקביל, דו ווילסט שוין מעהר מיט א פינגער ניט ריהרען.

אנאנדערם מאל פלעגט ער זיך סטארען זיך אליין אבנארען און איינרעדען, אז ער טרינקט פאר נויט.

— מען מוז דאך פון צייט צו צייט כאפען א טרונק. דאס גיט מיר קראפט און מאכט מיך פרישער. געווים ברענט ביי מיר עפעס אינוועניג. א כוסה דערפרישט מיך.

אפט האט ער שוין ניט געקענט שרייען אין דער פריה: ער פלעגט זיך אנגרייטען מיט פערדארבענע גרינסען, וועלכע מען האט איהם געגעבען אויף בארג. איין מאל, פיהלענדיג אז די פים פאלגען איהם שלעכט און דאס הערץ איז עפעס אזוי שוואך, האט ער אויעקגעשטעלט זיין וועגעל אין שטאל און אליין איז ער דעם גאנצען טאג ארומגעקראכען ארום מאדאם ראז, וועלכע האט געהאנדעלט מיט לונג און לעבער, און ארום אלע קרעמלעך פון מארק. ביי נאכט, אז ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין קארב, האט ער זיך פערקלערט און האט פערשטאנען, ווי נידריג ער איז געפאלען. ער האט זיך דערמאהנט אויף זיין געוועזענעם כח, אן אמאליגער פרנסה, אויף די לאנגע אונגליקליכע טעג פון מפלות און אויף די גליקליכע טעג פון זיעג; ער האט דערמאהנט אלע זיינע טעג, די אונצעהלבארע הונדערטער שריט, וואס ער האט געמאכט; די נעכט נעבע מארק, ווען ער האט געווארט מען זאל איהם שוין אויפעפענען; ער האט זיך דערמאהנט ווי אזוי ער פלעגט חאפען אין ביידע הענד די גרינסען און פלעגט זיי דערנאך מיט געשמאק פאנאנדערלייגען אין וועגעל, ווי ער פלעגט אויפ'ן וועג ארייןחאפען א גלעזעלע בראנפען ביי דער מומע טעמודארע און פלעגט זיך נעמען פאר די האלאבלעס; ווי מוטיג די פריה-מארגען-לופט פלעגט דורכגעריסען ווערען פון זיין הילכיגען געשריי, ווי א

האָהן וואָלט געקרעהט; ווי ער פלעגט געהן איבער די לעבהאַפטע גאַסען; ער האָט זיך דערמאַהנט אָן זיין גאַנצען אונשולדיגען לעבען פון אַ מענשען־אָקס, וועלכער האָט אַגאַנצען יובל מיט יאָהרען פערשלעפּט אין זיין פליהענדען וועגעל פאַר די אויסגעדאַרטע פון אַרבייט און דאגות שטאָדט־לייט די פרישע פרוכט פון די גערטנער. און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, האָט ער אַ זיפץ געטהון:

— ניין! איך האָב שוין ניט די אַמאָליגע שטייפקייט! אַ סוף! געגאַנגען דער קרוג צום וואַסער, ביז ער האָט זיך צובראָכען... אַחוץ דעם, נאָך מיין געשיכטע מיט'ן משפט איז שוין ביי מיר ניטאָ דער געוועזענער כאַראַקטער. יאָ, איך בין שוין ניט דער!

ענדליך האָט ער זיך אין גאַנצען אָבגעלאָזען. אַ מענש, וואָס איז דערגאַנגען צו אַזאַ צושטאַנד — איז שוין גאָר אַ געפאַלענער מענש און ער וועט זיך שוין צוריק ניט אויפהויבען. יעדער, וואָס געהט פערביי איהם — טרעט אָן אויף איהם.

VII.

דער לעצטער סך־הכל.

עס איז אָנגעקומען דער דלות, דער פינסטערער דלות. אַמאָל פלעגט דער געהער פון מאָנמאַרטר־פאָרשטאָדט ברענגען אַ פולען בייטעל מיט 100 סו, יעצט האָט ער אַפילו קיין איין סו ניט געהאַט. עס איז געוועזען ווינטער, פון בוידעם האָט מען איהם שוין אַרויסגעוואָרפען און ער האָט געמוזט נעכטיגען אין שטאַל, הינטער די פוהרען. גאַנצע 24 טעג האָט ניט אויפגעהערט צו גיסען רעגען; די הויז־רינעס זענען געוועזען פערפוילט און דער שטאַל איז געוועזען פערגאָסען מיט וואַסער.

זיצענדיג אויף די שפּיטץ פינגער אין זיין וועגעל, איבער די פערסמטע וואַסער, אין דער געזעלשאַפט פון ביענען, מייז

און הונגעריגע קעץ, האָט ער זיך געקלערט אין דער פינסטערניס. א גאנצען טאָג האָט ער גאָרנישט געגעסען; ער האָט שוין אפילו ניט געהאט דעם קאשטאנען-הענדלער'ס זאק, אז ער זאָל זיך קענען צודעקען. דאן האט ער זיך דערמאהנט אָן די צוויי וואָכען, ווען די רעגירונג האָט איהם געגעבען קוארטיר און עסען; ער האָט מקנא געווען די ארעסטאנטען, וועלכע ליידען ניט קיין הונגער און קעלט; איהם איז ארויפגעקומען א געדאנק:

— ווייבאלד, אז איך ווייס דעם קונץ, פאר וואָס זאָל איך זיך דערמיט ניט בענוצען?

ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז ארויס אויפ'ן גאס. עס איז געווען ניט שפעטער פון עלף. עס איז געווען פינסטער און דאָס שלעכטע וועטער האָט איהם דורכגענומען. עס איז געפאלען א נאסער שנעע, וואָס איז געוועזען קעלטער און האָט דורכגענומען שטארקער, ווי דער רעגען. די זעלטענע פערביי־געהער האָבען זיך געטולעט צו די וואנד פון די הייזער.

קרענקביל איז דורכגעגאנגען די קירכע פון דעם הייליגען יעווסטאפי און האָט זיך פערקעהרט אויף דער גאס מאָנמארטר, דאָרט האָט מען קיין לעבעדיגע נשמה ניט געזעהן. נעבען דער קירכע, אונטער א גאז-לאמטערן, איז געשטאנען א פאָליציי-מאן. ביי דער שיין פון גאז האָט מען געזעהן, ווי עס האָט געטריפט אקליינער רעגען. די טראָפּענס זענען געפאלען אויף דעם אגענטס קאפּיושאָן. עס האָט זיך געדאכט, אז דער אגענט איז פערשטארט געוואָרען, נאָר ציי דערפאר, וואָס ער האָט מעהר ליעב געהאט די ליכטיגקייט, ווי די פינסטערניס, אָדער דערפאר, וואָס ער האָט זיך שוין איינגעמאטערט אומגעהענדיג, איז ער געבליעבען אונטער זיין לאמטערן און, מען קען ניט וויסען, אפשר האָט ער זיך פון איהר געמאכט א חבר אָדער א פריינד אין די זעער פינסטערער נאכט? אין זיין אונבעוועגליכקייט איז ער גאָר ניט געווען ענליך צו א מענשען; דער אָבשיין פון זיינע שטיעוועל אויף דעם שמוציגען טראָטואר, האָט געמאכט לענגער זיין פיגור. פון ווייטען איז ער געווען ענליך אויף א שרעקליכע אמפיביע, וועלכע איז ביז האלב ארויסגעקראָכען פון וואסער.

אין דער נאָהנט אין זײַן קאַפּיושאָן און זײַן געװעהר, איז ער געװען ענליך ניט צו אַ מאָנאַך און ניט צו אַ סאָלדאַט, די בולט׳ע שטריכען פון זײַן געזיכט האָבען געהאַט אַ פריידליכען און טרויעריגען אויסדרוק. ער האָט געהאַט געדיכטע, קורצע, גרויע װאָנסעס. דאָס איז געװען אַן אַלטער סטראַזשניק, איבער 40 יאָהר.

קרענקביל האָט זיך שטיל צוגערוקט צו איהם און האָט מיט אַ ציטערנדען שװאַכען קול געזאָגט:

— טויט די בהמות!

דערנאָך האָט ער גענומען װאַרטען אויף דער װירקונג פון דיזע פערשאַלטענע װערטער, אָבער זײ האָבען קײן שום איינדרוק געמאַכט. דער אַגענט האָט ניט אויפגעהערט צו שװייגען און האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. זײַנע אויגען, װעלכע זענען געװען ברײט פאַנאַנדערגעעפענט און װעלכע האָבען געשײַנט אין דער פינסטערניס, האָבען געקוקט אויף קרענקבילען טרויעריג, טיעף און נישט אַכטענדיג.

קרענקביל אַ פערװאונדערטער, נאָר האַלטענדיג זיך נאָך ענטשלאָסען, האָט אַ מורמעל געטהון:

— טויט די בהמות! — זאָג איך אײַך.

עס איז דורכגעגאַנגען עטליכע לאַנגע מינוטען. עס האָט אַלץ װײַטער געגאָסען אַ קלײנער, קאַלטער רעגען און עס האָט אַלץ געהערשט די אײז־קאַלטע פינסטערניס. ענדליך האָט דער אַגענט געזאָגט:

— מען דאַר דאָס ניט זאָגען... אונבעדינגט. מען טאָר דאָס ניט זאָג ... אין אײַערע יאָהרען דאַרף מען זײַן מעהר אויסגערעכענט... געהט זיך אין אײַער װעג.

— פאַר װאָס אַרעסטירט איהר מיך ניט? — האָט געפרעגט קרענקביל. דער אַגענט האָט אַ שאָקעל געטהון מיט׳ן קאָפּ אונטער זײַן נאַסען קאַפּיושאָן:

— װען מען זאָל צונעמען אַלע פּלוידערער, װעלכע רעדען דאָס װאָס מען דאַרף ניט, װאָלט געװעזען ניט װעניג אַרבײַט!.. און װאָס װאָלט דאָס געהאָלפען?

קרענקביל, דערשלאָגען מיט דיזער גרויסמוטיגער פעראַכטונג, איז לאַנג געשטאַנען אין אַ שטומע אָבהענדיגקייט אויפ'ן בלאָטיגען טראָטואַר. פאַר זיין אַוועקגעהן האָט ער זיך געפּרובט צו פערענטפערען:

— דאָס געהערט ניט צו אייך, וואָס איך האָב געזאָגט: טויט די בהמות! ניט צו אייך און ניט צו אַן אַנדערן, דאָס געהערט צו דער אידעע.

דער אַגענט האָט געענטפערט שטרענג און שטיל:

— צו וואָס דאָס זאָל ניט געהערען, צי צו דער אידעע אָדער צו עפּעס אַנדערס, האָט איר דאָס ניט געדאַרפט זאָגען, ווייל ווען אַמענש ערפילט זיינע פפליכטען און ליידט פיעל צרות, דאַרף מען איהם ניט בעליידיגען מיט פוסטע ווערטער... איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל: געהט זיך אין אייער וועג.

קרענקביל האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און די הענד און איז פערשוואונדען געוואָרן אין דער פינסטערניס אונטערן רעגען.